מערב וועלטן

(מחשבות וועגן אידן אין מערב קאַנאַדע, אין שייכות מיט די הונדערט יאָר, זינט אידן זיינען גלייכבארעכטיקט געוואָרן אין קאַנאַדע)

פון פּרץ הירשביין

דער ווינט, וואָס האָט מיך אונטערגעכאַפּט מיט יאָרן צוריק און אוועקגעטראָגן אין די טריט פון אונזערע וואַגלער, וואַנדערער און איבערוואַנדערער — ער האָט געמאַכט די גאַנצע וועלט פאַר מיין היים. ווייל וועלט־אויס, וועלט־איין האָט עס מיך געטראָגן און אויף יעדן וועלט־טייל האָב איך שוין געטראָפן די, וואָס האָבן אויסגעשפּרייט זייערע געצעלטן אויף א גינסטיקן, אָדער אומגינסטיקן גרונט, געלאָזן וואָרצלען אין אומבאַקאַנטן גרונט.

"צי וועט ווערן א פאָלק געבאָרן אין איין טאָג?"

ס'איז קלוג געפרעגט געוואָרן אין די אַלטע צייטן. אוואַדע ווערט א פאָלק אין איין טאָג ניט געבאָרן.

וויל איך נאָך צוגעבן:
"אוואַדע איז אויך ניט געמאָלט, אַז א פאָלק זאָל אין איין טאָג אונטערגיין".

איך באַמערק עס דערפאַר, ווייל מיט זייער המיון זעען א סך סקעפּטיקער אין אונזער צעשפּרייטקייט דעם אָנהויב פון אונזער אונטערגאַנג ווי א פאָלק.

ווי קינדיש־אומשולדיק, אָבער ניט נאָר מיט קינדערשן דמיון האָבן די אידישע אבות אַרויסגעזען ביי דעם געבורט פון אידישן פאָלק און סיי זיין צעזייט־און־צעשפּרייטקייט: "דיינע קינדער וועלן זיין ווי זאַמד פון דער ערד און וועלן זיך דורכברעכן צו מערב און מזרח; צו צפון און דרום און מיט זיי וועלן זיך בענשן די מענשן־משפחות אויף דער ערד . . ."

ס'איז יעקב'ס חלום. צומאָל אונזער היינטצייטיקער חלום פון די וואָס גלויבן, אַז פאָלק ישראל טראָגט בלויז בענטשונגען אַרום אין זיינע פּאָלעס. אמת, ניט מיט אונז בענשן זיך גאָר די משפחות פון דער ערד. אָבער אונזער גאַנצער דאָ־זיין אויף דער גרויסער און צעריסענער וועלט — איז חלום און וואָר אין אַזאַ וואַכן דור. א חלום און וואָר אין דער צייט, וואָס א טייל משפחות אויף דער ערד האָבן שוין אפילו אָפּגעלאָזן דעם שנור און אויפגעהערט צייכענען די גרעניצן פון דער ערד.

חלום און וואָר — — —

בין איך אַוועק צוגאַסט צו די "משפחות פון דער ערד", סיי אין מערב און סיי אין מזרח, סיי אין צפון און סיי אין דרום; אומעטום האָב איך געטראָפן יעקב'ס קינדער, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פון ערגעצן, לאָזנדיק אַהינטער באַגריף פון ווייטן שטח: געלאָזן אַהינטער דעם באַגריף פון ווייט און נאָענט. אויך איך האָב אין אָנהויב פון מיינע וועלט־וואַנדערונגען איבערגעלעבט רגעס פון יאוש, ווען פאַר מיין דמיון האָט זיך אויסגעשפּרייט א צעפּלויערט פאָלק, מיט אָפּגעריסענע וואָרצלען, טיילן איבערגעלאָזטע אין דעם פאַרהאַסטן גרונט פון אַלטער היים.

איך האָב געזען, וואָס מער די טאַטע־מאַמע איבערוואַנדערער זיינען געבליבן מיט'ן מהות אין דער אַלטער היים, אַלץ פאַרטיפטער איז דער תהום צווישן טאַטע־מאַמע און יונגן דור, געבוירן אין נייעם לאַנד. פאַר קיין פאַל אָבער דינט אויך ניט דער יונגער דור פאַר א בריק, וואָס זאָל די אַריבערגעקומענע פון דער פרעמד בינדן מיט דער נייער ערד. תחילת האָט מיין אייגענער צעשראָקענער דמיון דערזען, ווי פאָלקס־געוועב איז צעצויגן געוואָרן; אַט באַלד ווערט דער געוועב צעפּלאַצט אויף שטיקער; שטיק פון שטיק וועט אַלץ מער דערווייטערט ווערן.

איז דאָס געווען מיין אויבנאויפיקער טעות. און טאַקע דערפאַר, ווי ניט אין איין טאָג ווערט א פאָלק געבוירן און ניט אין איין טאָג גייט א פאָלק אונטער. אין אונזערע קאָלאָסאַלע וואַנדערונגען פון לעצטן דור ליגן די הויפּט סמנים פון אונזער דערוואַכונג און ווידערגעבורט, — אַז די אַלטע באַגריפן פון לעבן און פרייהייט: אַז די אַלטע באַגריפן, וואָס האָבן אונזער מהות שטענדיק געהאַלטן אין פחד געבויגן; האָבן פאָלקס־גוף צום שטויב דערנידעריקט — ווי מיר זעען עס נאָך אין א טייל ווינקלען פון אונזער אַלטער היים.

אמת, אויבנאויפיק האָט עס אויסגעזען, ווי אונזערע מחנות האָבן ווי נאַכטוואַנדלער געוואַנדערט אָן ציל, אָן תכלית, שטרעבנדיק צו לענדער אומבאַקאַנטע: איבער אָקעאַנען, וואָס זיינען פרעמד געווען אפילו דעם דמיון פון פאָלק; אמת — קיין שום אויסגעלייגטער פּלאַן, קיין שום אַפריער אויסגערעכנטער תכלית איז ניט געלעגן אין דער ווייט — זיינען דאָך פאַרט לעבנס־כחות, וואָס באַוועגן; לעבנס־כחות וואָס באַפעלן זיך אָפּצושטעלן און אָנציען א געצעלט. זיינען עס לעבנס־כחות, וואָס האָבן איין מחנה פאַרטראָגן קיין צפון און די צווייטע מחנה — צו דרום; איין מחנה קיין מזרח און אַן אַנדערע — קיין מערב.

דאָס זיינען אויך די לעבנס־כחות, וואָס האָבן אַפריער די מחנות געזאַמלט איינגער, און שפּעטער זיי צעטיילט; באַפוילן צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג, פאַרנעמען אַנדערע ווינקלען פון נייעם לאַנד. כאָטש די מערהייט איז פאַרט געבליבן אויף דעם אָרט, וואו דער ערשטער לאַגער האָט אויסגעשפּרייט זיינע געצעלטן; קיין מוט ניט געהאַט, קיין שוואונג ניט פאַרמאָגט צו פאַרלאָזן אַזוי גיך דעם ראַנד פון לאַנד, אויסצופּראָוון די טריט אויף א נייער ערד — דערבליקן די רחבות'דיקע שטחים, וואָס האָבן זיך געשפּרייט טיפער אין לאַנד.

כאָטש אין מיין דמיון לעבט ניט קיין געקינצלטער בייזוויליקער גרעניץ צווישן לאַנד און לאַנד; צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — פונדעסטוועגן האָט די עקזיסטירנדיקע גרעניץ פאַרט געדינט ווי א וועגווייזער פאַר באַזונדערע מחנות אונזערע. א שטאַרקערער לעבנס־חשק האָט אָנגעוויזן צו א טייל איבערוואַנדערער דעם וועג צו צפון און שפּעטער — דעם וועג צו מערב.

— צי האָבן די ווינטערס געמאָניעט? די שנייען גערופן? צי האָבן די קאַנאַדער אומבאַגרעניצטע רחבותן געצויגן צו זיך, צוזאָגנדיק איעדן איינעם הונדערט מייל אויף הונדערט מייל?

אָדער אפשר גאָר האָבן די, וואָס קיין קאַנאַדע האָט עס זיי געצויגן, געזען בחוש, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיי באַדאַרפן די נשמה דעם רוח איבערגעבן; אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיי דעם בהלה־טייוול באַדאַרפן איבערגעבן די שליסלען פון אייגענעם לעבן . . .

פאַרוואָס זאָל איך אין דעם ניט גלויבן? פאַרוואָס זאָל איך ניט גלויבן אין געזונטן אינסטינקט פון די, וואָס האָבן שוין פאַר די לעצטע יאָרן אוועקגעוואָרפן דעם ערשטן לאַגער און געגאַנגען ווייטער אין לאַנד, וואו די רחבות רופט; אוועק פון אַטלאַנטישן ראַנד אַזש ביז צום ראַנד פון פּאַסיפיק? ליב איז מיר די באַוועגונג פון ערשטן לאַגער, איינצונעמען די רחבות פון דער נייער היים. ליב איז מיר איעדער פעסטערער טראָט; איערע אויסגעגלייכטע פּלייצע; אידער פרייער בליק, וואָס האָט באַגריפן, אַז א רחבות רופט.

שטענדיק האָב איך אַזאַ גוטן געפיל געהאַט, ווען פאַרלאָזנדיק דעם מזרח־ראַנד קאַנאַדע, מיט אירע צוויי גרעסערע אידישע צענטערס; א מעת לעת צייט געשניטן באַרג און טאָל, אומבאַגרעניצטן סטעפּ, דערגרייכנדיק אומגעריכט די גראַמע שטאָט אין מאַניטאָבער סטעפּ — וויניפּעג, מיט אונזערע אָפּגעקליבענע, גראָד־דיינקענדיקע, געזונטפילנדיקע אידן, וואָס האָבן פאַר אומבאַקאַנטע מרחקים קיין פחד ניט געהאַט, דערגרייכנדיק ביזן סאַמע צענטער פון דער רייכער און פילצוזאָגנדיקער קאַנאַדע. זייער חוש האָט ניט גענאַרט. די ווייטקייט האָט ניט פאַרפירט. זייער באָדן האָבן זיי דערשפּירט און האָבן דעריבער ניט דערלאָזן, א תהום זאָל אויפקומען צווישן דור און דור; א תהום — צווישן טאַטע און קינד.

און אַזוי אויך ווייטער צו מערב; נעענטער צו די פעלזנבערג, צו צפון — סאַסקאַטון, עדמאָנטאָן; צו דרום — רעדזשיינע, קאַלגאַרי, און דורכשניידנדיק די פעלזנבערג — וואַנקאָווער ביים פּאַסיפיק — ניט קיין ווינט האָט אין די אַלע מערב־שטעט אָנגעוואָרפן איבערוואַנדערער. זיי האָבן אַליין געצילט טיפער אין לאַנד אַריין. זייער געזונטער חוש זאָגט זיי אונטער, אַז מערב־קאַנאַדע, ווי בכלל דער מערב פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט — איז די היים, וואָס וואַרט אויף נייע מיליאָנען. אויך אונזערע פּיאָנערן, וואָס האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיט מאַמע־ערד — אויך זיי האָט עס געצויגן צו מערב.

מערב־קאַנאַדע איז א גרויסע, שיינע וועלט. כאָטש שיטער איז דער מענטש־זאַמען דאָ פאַרזייט, אָבער אויף א געזונטן באָדן איז דער מענטש־זאַמען געפאַלן. אויב פאַר די לעצטע יאָרן פון מיינע וואַנדערונגען בין איך געקומען צו דער הכרה, אַז אונזער פאָלקסגעוועב, וואָס איז אין לעצטן דור אַזוי צעצויגן געוואָרן איבער'ן גאַנצן ערדקיילעך, אַז די דאָזיקע געוועב איז ניט צעריסן — זיינען עס די אידישע מאַסן איבער גאָר דער וועלט, וואָס האָבן אין מיר באַשאַפן דעם באַגריף — אַז די וועלט איז גאָר ניט אַזוי גרויס.

דען וואָס זיינען ווייטקייטן — אויב נאָך א חודש'דיקער נסיעה מיט'ן ים, באַגעגנסטו דיינע אייגענע, וואָס פילן אויך ווייען פון ווידערגעבורט; ווייען פון פאָלקס־דערוואַכונג אונטער ברייטערע הימלען, אויף א פרייערער ערד?

ציענדיק דורך קאַנאַדע פון מזרח צו מערב — זיינען עס דוקא די מערב צענטרען, וואָס וועקן אין מיר געפיל, אַז קאַנאַדע איז גאָר ניט אַזוי גרויס. איבער גאַנץ קאַנאַדע באַגעגן איך א יונגן דור, פון וועמעס אויגן איך שעפּ אַרוים די האָפנונג פון א פאָלק אין א ניי־דערוואָרבענער היים. איז דאָס ניט קיין חלום. איז דאָס וואָר — ווי וואָר עס איז דער אומבאַגרעניצטער סטעפּ; ווי וואָר עס זיינען די פעלזנבערג, וואוהין איך בין אָפּט געקומען צו קילן און באַרויקן מיין געמיט.

אין מערב־קאַנאַדע, ווי אין מערב פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע; ווי אין דער ווייטער בראַזיליע, אַרגענטינע, אורוגוויי און טשילע; ווי אין דער נאָענטער ארץ־ישראל און ווייטער ניי־זעלאַנד, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע — ווי אין אַלע, אַלע מדינות און וועלט־טיילן, וואו אונזערע מחנות האָבן אין איין דור אַריבערגעוואַנדערט און זייערע געצעלטן אָנגעצויגן — — — אומעטום זיינען לעבעדיק די סמנים פון אונזער דערוואַכונג און נייגעבורט.

אומעטום זיינען לעבעדיק די סמנים פון א פאָלקס תחיה, פאַר א גרויסער צוקונפט איבער'ן גאַנצן וועלט־קיילעך.

דער מערב קאַנאַדער אידישער קבוץ

פון ש. מ. זעלטשען

רעדאַקטאָר, "דאָס אידישע וואָרט"



1

ווען די אידישע מאַסן־אימיגראַציע האָט אָנגעהויבן אַריינשטראָמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביים סוף פון לעצטן און ביים אָנהויב פון'ם לויפנדיקן יאָרהונדערט, האָט זי שוין דאָ געפונען אַן איינגעפונדעוועטן אידישן ישוב. דער דאָזיקער ישוב איז געגרינדעט געוואָרן פון ספרדישע און פון דייטשע אידן, און ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע.

די אידישע איינוואַנדערער פון מזרח אייראָפּע זיינען אונטערגעפאַלן אונטער'ן איינפלוס פון דעם איינגעפונדעוועטן ישוב וואָס זיי האָבן געפונען, און כאָטש זיי האָבן ביסלאַכוויז אָרגאַניזירט אַן אייגן אידיש לעבן און געגרינדעט אייגענע אידישע אינסטיטוציעס, איז דער דאָזיקער איינפלוס נאָך ביז היינטיקן טאָג ווייט ניט פאַרשוואונדן, כאָטש ער איז באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן.

דערווייל זיינען די מיטגלידער פון דעם אַלטן ישוב, אָדער זייערע קינדער און אייניקלאַך, מענטשן מיט בילדונג, מיט געלט, מיט באַשטימטע מיינונגען און מיט איינפלוס. זיי האָבן זיך תמיד געפילט און פילן זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג ווי די אַפּעקונען איבער זייערע "ווייניקער ציוויליזירטע" גלויבנס־גענאָסן פון מזרח אייראָפּע. זיי העלפן זיי אויף אַלע אופנים צו אַמעריקאַניזירן זיך און גיבן צדקה פאַר די אידישע אינסטיטוציעס מיט א ברייטער האַנט. זיי גיבן די מאה, און במילא זאָגן זיי די דעה.

יעדער פאַרזוך פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן צו באַפרייען זיך פון דער דאָזיקער אַפּעקונסטווע, ווערט פון די "יאַהודים", ווי מען רופט אָן די דייטשע און ספרדישע אידן, אָדער די וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און אָנגענומען זייער אידעאָלאָגיע, — ווערט פון די לעצטע ביטער באַקעמפט. דר. סירוס אַדלערס קאַמף קעגן דער אַלוועלטלאַכער אידישער קאָנפערענץ וואָס גייט איצט אָן, איז אייגנטלאַך דער קאַמף פון די "יאַהודים" פאַר זייער העגעמאָניע אינ'ם אידישן לעבן.

די "יאַהודים" אַליין זיינען פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די "אידן". א סך פון זיי זיינען געוואָרן הייסע ציוניסטן, אָדער כאָטש "נאָן־זייאָניסטס", וואָס העלפן אין דער אַרבעט פון די ציוניסטן. אַנדערע שטודירן אידיש און אידישע ליטעראַטור און לייענען אידישע צייטונגען. זיי האַלטן זיך אָבער שטאָל־און־אייזן אַז זייער רעכט אויף פירערשאַפט, און די דאָזיקע וועלן זיי ניט אויפגעבן, אַזוי לאַנג ווי מען מוז אָנקומען נאָך זייער מאה און נאָך זייער אָנערקענטן פּרעסטיזש און איינפלוס ביי דער דרויסנדיקער וועלט.

2

אויב דאָס אידישע לעבן אין מערב קאַנאַדע איז אַנדערש און איז אידיש־פאָלקסטימלאַכער ווי אין די גרעסערע און קלענערע אידישע ישובים פון די שטאַטן, איז עס דערפאַר, ווייל זיין געשיכטע איז געווען אַנדערש און ווייל אַנדערע כחות שפּילן דאָ א ראָל.

לאָמיר אָנהויבן דערפון, וואָס אין קאַנאַדע בכלל איז די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע אין אַן אַנדער צושטאַנד, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. בעת אין די שטאַטן אָנערקענט מען בכלל ניט אַזאַ פראַגע, איז קאַנאַדע א צוויי־נאַציאָנאַליטעטן שטאַט, און פראַנצויזיש איז יורידיש גלייכבאַרעכטיקט דאָ מיט ענגליש.

אויסער דעם, זיינען אין קאַנאַדע פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן אויסגעוואַקסן נייע גרויסע ישובים — צווישן זיי קאָמפּאַקטע ישובים פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, אויף וועלכע דער ענגלישער ישוב, אַליין יונג און שוואַך, האָט ניט געקאָנט האָבן קיין באַזונדער שטאַרקע אַסימילירנדיקע ווירקונג.

מיט איין וואָרט: דער קאַנאַדער שמעלץ־טאָפּ האָט ניט די כחות פון'ם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ, און ער איז שוואַכער אינ'ם אינגערן ישוב פון מערב קאַנאַדע, ווי ער איז אינ'ם עלטערן מזרח.

עס זיינען דאָ אין מערב קאַנאַדע הונדערטער טויזנטער אוקראַינער, — זיי פאַרנעמען דעם דריטן אָרט אין קאַנאַדע לויט זייער צאָל נאָך די ענגלישע און די פראַנצויזן, און זיי וואוינען אָנגעמייסטנס אין די פּריירי פּראָווינצן, וואו זיי זיצן אין א סך פּונקטן אין קאָמפּאַקטע מאַסן. די אוקראַינער קעמפן ענערגיש פאַר'ן קיום פון זייער שפּראַך און קולטור.

אַזוי זיינען דאָ אויך קאָמפּאַקטע ישובים פון פּאָליאַקן, אונגאַרן, איסלענדער, דייטשן און א. וו. עס זיינען דאָ אויך די דוכאָבאָרישע רוסישע קאָלאָניעס און די דייטש מענאָניטישע, אויף וועלכע דער שמעלץ־טאָפּ האָט גאָר קיין שום שליטה ניט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן די אידישע ישובים אויך א בעסערע געלעגנהייט אָפּצואָוועהרן זיך קעגן דער אַסימילירנדיקער ווירקונג פון'ם שמעלץ־טאָפּ. די אידישע ישובים, באַזונדערס אין מערב קאַנאַדע, געפינען זיך אָנגעמייסטנס אינמיטן פון געמישטע ישובים פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס ריידן זייערע אייגענע שפּראַכן. די אידן פילן דערפאַר דאָ אויך מער צוגעבונדנקייט צו זייער אייגענער שפּראַך.

3

מיט פופציק יאָר צוריק, ווען דער גרויסער שטראָם פון אידישער וואַנדערונג פון רוסלאַנד האָט זיך א טראָג געטאָן קיין אַמעריקע, האָט א טייל פון'ם שטראָם אויך דערטראָגן זיך ביז די ווייטע און דאַן זייער ווייניק באַקאַנטע פּריירים פון מערב קאַנאַדע.

די ערשטע רוסיש־אידישע פּיאָנערן אין וויניפּעג האָבן דאַן דאָ ניט געפונען קיין אידישן לעבן. עס זיינען אין דעם דאַן קליינעם און פאַרוואָרפענעם שטעטל, וואָס האָט געהייסן וויניפּעג, געווען בלויז געציילטע אידישע פאַמיליעס, — אידן פון ענגלאַנד אָדער די פאַראייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע פאַמיליעס זיינען צעשמאָלצן געוואָרן און זיינען פאַרשווינקט געוואָרן פון'ם שטראָם פון אידישער אימיגראַציע פון מזרח אייראָפּע.

וויניפּעג איז דאַן געווען זייער ווייט, — א סך ווייטער נאָך ווי איצט, — פון'ם איינפלוס פון די גרעסערע און מער איינגעפונדעוועטע אידישע ישובים פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויך פון מזרח קאַנאַדע. די רוסיש־אידישע איינוואַנדערער מיט פופציק יאָר צוריק זיינ'ען עס געווען די, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פון דעם היגן אידישן ישוב, — דער ערשטער אידישער ישוב אויפ'ן צפון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אויסגעבויט פון מזרח אייראָפּעיִשע אידן, אָן דעם איינפלוס פון די דייטשע "יאַהודים".

די אידישע איינוואַנדערונג פון מזרח אייראָפּע אַהער איז דערנאָך אָנגעגאַנגען לאַנגזאַם אין משך פון די לעצטע יאָרן פון'ם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פון'ם איצטיקן יאָרהונדערט. פון'ם יאָר 1904 אָן, ווען די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך דער שטראָם פאַרשטאַרקט און האָט אָנגעהאַלטן ביז דער גרויסער מלחמה. פאַר דעם פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה ביז דער איצטיקער דעפּרעסיע, האָט מערב קאַנאַדע צוגעקראָגן נאָך טויזנטער אידישע איינוואַנדערער פון די מזרח אייראָפּעיִשע לענדער. אויב פאַר דער צייט זיינען אַהער אַריבערגעקומען אויך אידישע אימיגראַנטן פון מערב אייראָפּע אָדער פון אַמעריקע, זיינען זיי דאָ בטל בששים געוואָרן. זיי זיינען גיכער באַאיינפלוסט געוואָרן פון די מזרח אייראָפּעיִשע אידן, ווי פאַרקערט.

די יאָרן 1904—1905 און די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן אַהער אַראָפּגעבראַכט א היבשע פאָלקסטימלאַך אידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דאָ געפונען א פרוכטבאַרן באָדן פאַר אירע טעטיקייטן. עס האָט דאָ אָנגעהויבן קאָכן מיט אידישער פּאָליטישער און קולטורעלער טעטיקייט, עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די אידישע שול באַוועגונג וואָס איז דאָ געווען פרוכטבאַרער ווי ערגעץ וואו אַנדערש אויפ'ן קאָנטינענט, עס האָבן זיך געבויט ביבליאָטעקן און עס האָבן זיך באַוויזן פּאָליטישע און קולטורעלע קרייזן פון אַלע מינים. עס האָבן זיך גלייכצייטיק אויך צעבליט פאַרשיידענע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט און קעגנזייטיקער הילף, און עס זיינען אויסגעוואַקסן א גאַנצע רייע אידישע אינסטיטוציעס, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין א שטאָלץ פאַר א סך גרעסערע אידישע ישובים פון וויניפּעג.

4

וואָלט אין וויניפּעג אַנטוויקלט זיך א קלאַס פון רייכע אידישע פילאַנטראָפּן, וואָלטן זיי אפשר באַהערשט און באַאיינפלוסט דעם היגן אידישן ישוב אין אַן אַנדער ריכטונג.

אָבער כאָטש עס האָבן זיך ביי אונז א סך געוועזענע אָרימע אימיגראַנטן גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט, און א סך פון די אַרויפגעאַרבעטע זיינען גאַנץ אַקטיוו אויף אַלע אידישע געזעלשאַפטלאַכע געביטן, האָבן מיר אָבער ניט קיין מיליאָנערן בעלי־צדקה, וואָס זאָלן מיט זייער געלט באַהערשן די היגע אינסטיטוציעס.

אַלע אונזערע היגע אידישע אינסטיטוציעס ווערן הויפּטזאַכלאַך אויסגעהאַלטן פון די קלענערע בייסטייערונגען פון די ברייטע מאַסן. דאָס מאַכט ביי אונז שווערער די געלט זאַמלונגען, און דערפאַר קומען ביי אונז פאַר אַזויפיל קליינע אונטערנעמונגען, ווי טייען, קאָנצערטן און א. וו. — דאָס איז דער איינציקער מיטל צו דערגרייכן די ברייטערע מאַסן.

אָבער דערפאַר איז די עקזיסטענץ פון אונזערע אינסטיטוציעס ניט אַזוי אָפּהענגיק פון צופעליקייטן, ווי דאָרטן וואו זיי הענגען אָפּ פון'ם חסד פון איינציקע מנדבים. דערפאַר אַנטוויקלט זיך א געפיל פון אחריות ביי די מאַסן פאַר אונזערע אינסטיטוציעס, און דערפאַר האָבן אונזערע אינסטיטוציעס ווייניקער געליטן פון'ם קריזיס, ווי ביי אַנדערע אידישע ישובים.

און דערפאַר הערשט אין אונזער געזעלשאַפטלאַכן און קולטורעלן לעבן א מער פאָלקסטימלאַכער גייסט, און די קלאַנגען פון דער אידישער שפּראַך הערן זיך ביי אַלע געזעלשאַפטלאַכע פאַראַמלונגען; און אידיש הערשט אפילו אין די קרייזן, וואָס זיינען תמיד באַטראַכט געוואָרן ווי טראַדיציאָנעלע אַנטי־אידיש פעסטונגען.

און אַזוי אינטערעסירט זיך אפילו אונזער יוגנט מיט אידישער שפּראַך און אידישער ליטעראַטור, און אידישע לעקציעס זיינען גאַנץ געוויינלאַך ביי אונזערע יוגנטלאַכע פאַראַמלונגען.